# תורת יואל

גליון מס' 26

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

פרשת כי תשא תשפ"ה

## וידבר ד' אל משה לאמר. כי תשא את ראש בני ישראל וגו', ונתנו איש כופר נפשו לד' וגו'

פרעגט דער רבי זי"ע - דריי קשיות:

ערשטע קשי': אין די גמרא (בבא בתרא י, ב) שטייט: **אמר רב אבהו, אמר משה וגו'**, משה האט געפרעגט השי"ת **במה תרום קרן ישראל?** ווי אזוי קען איך אויפהייבן די אידן? **אמר לו:** ענטפערט השי"ת, **כי תשא את ראש** איז רש"י מסביר: השי"ת זאגט פאר משה רבינו, אויב ווילסטו אויפהייבן די אידן, נעם פון זיי **כופר נפש - געלט פאר צדקה**, פרעגט דער רבי פארוואס דורך נעמען געלט, ווערן די אידן דערהויבן?

צווייטע קשי': אויפן פסוק **כל העובר על הפקודים** וגו' **יתן תרומת ד'** זאגט דער תרגום יונתן: **כל דעבר בימא יתן** טייטש: ווער ס'איז אדורך דעם ים ביי קריעת ים סוף, <u>דער זאל געבן כופר נפש פאר תרומת ד'</u> פרעגט דער רבי וואס איז דער שייכות פון קריעת י"ס מיט כופר נפש?

דריטע קשי': די באקאנטע מדרש פליאה **הים ראה וינוס** מה ראה? <u>ברייתא דרבי ישמעא-ל ראה</u>: דער מדרש דערציילט פארוואס איז דער ים אנטלאפן - געשפאלטען? ווייל ער האט געזעהן א ברייתא פון רבי ישמעא-ל, פון וועלכע ברייתא איז דער ים אנטלאפן?

דער רבי ענטפערט קודם די לעצטע קשי', און מיט דעם וועט ווערן פארענטפערט אלע קשיות בעז"ה.

ווען די אידן זענען אנגעקומען צום ים סוף, און די אידן זענען געווען אין א גרויסע סכנה ווייל די מצרים האבן זיי נאכגעיאגט, האט דער ים געטענה'עט **הללו עובדי ע"ז והללו עובדי ע"ז** טייטש:ביידע סיי די מצרים און סיי די אידן האבן געדינט עבודה זרה, אויב אזוי פארוואס דארף איך מיך שפאלטען פאר די אידן.

באמת: זאגט דער רבי אז ס'איז דא א געוואלדיגע חילוק צווישן די אידן און להבדיל די מצרים, **א איד:** אויב ער האט ליידער געזינדיגט, קען זיך אויסקויפן מיט געלט, ווי רבי ישמעא-ל זאגט **בא וראה שרחמיו של הקב"ה על בשר ודם:** קום און זעה די רחמנות פון דעם באשעפער אויף א מענטש, **שאדם קונה את עצמו בממון מידי הקב"ה:** א מענטש קען זיך אויסקויפן מיט געלט, און השי"ת טוט אים פארגעבן די זינד, <u>אבער די עצה העלפט נאר ביי א איד</u>, און רבי ישמעא-ל לערנט עס ארויס פון דעם פסוק **כי תשא את ראש וגו' ונתנו איש כופר נפשו.**

פון דעם זעהן מיר, אז ס'איז דא א ענין פון אויסלייזען זיך מיט געלט, און די זינד ווערט פארציייהט, אין דער חילוק צווישן א איד און א גוי, דאס איז געווען דער ענטפער פאר דעם ים סוף, א איד אפי' ער האט געזינדיגט ער קען זיך אויסקויפן מיט געלט, און אויך תשובה טוהן, א גוי האט נישט די צוויי זאכן, נישט **געלט** און נישט **תשובה** העלפן פאר א גוי

די ערשטע קשי' איז פארענטפערט, משה האט געפרעגט: **במה תרום קרן ישראל**? האט דער באשעפער געענטפערט: **כי תשא את ראש** מיט נעמען געלט פון די אידן טוסטו ווייזן אז די אידן זענען אנדערש פונעם גוי, אין מיט נעמען כופר נפש וועסטו אויפהייבן די אידן העכער פון דעם גוי.

די צווייטע קשי' איז פארענטפערט, (תרגום יונתן: **כל דעבר בימא יתן**) ווייל קריעת ים סוף און שקלים האבן גאר א שטארקע שייכות, ווייל דורך די שקלים וואס די אידן האבן געגעבן פאר כופר נפש, האט זיך דער ים געשפאלטען פאר די אידן.

די דריטע קשי' איז פארענטפערט, אז דער ים האט געזען די ברייתא פון רבי ישמעא-ל ווי ער זאגט, אז אידן האט די מעלה אז מען קען זיך אויסלייזן מיט געלט, און מיט דעם האט מען אפגעווארפן די טענות פון דעם ים, און דאס איז געווען דער תירוץ אויף זיין טענה פון **הללו והללו**.

## מעשה:

### צדקה וחסד (ה): חיזוק ללומדי תורה

ווי באקאנט האט הרה"ג ר' שלום שניטצלער ז"ל, הרב מטשאבע-לאנדאן, געעפענט די ערשטע כולל אברכים, אין לאנדאן, א מושג: אז יונגעלייט זאלן קענען זיצן און לערנען אן קיין דאגת הפרנסה, איז דער טשאבער רב ארויסגעפארן מאכן געלט צו קענען אויסהאלטען דעם כולל.

איז הרב משטאבע געקומען צום רבי'ן בעטן א המלצה בריוו, אז אנ"ש זאלן זיך באשטייערן כדבעי, דער רבי האט נישט געוואלט שרייבן די המלצה, דער רבי האט געהאלטן אז אפי' א ארבעטס יונגערמאן דארף לערנען לכל הפחות 6 שעה א טאג, אויב אזוי פארוואס דארף מען א כולל.

דער טשאבער רב האט געענטפערט 3 תשובות, איינס אז עס וועלן זיין יונגעלייט וואס וועלן זיצן על התורה אגאנצען טאג, וועט גורם זיין א קנאת סופרים ביי די וואס מוזן ארויסגיין למסחה, און וועלן זיך אויך צופלייסן נישט צו בלייבן אינטערשטעליג, צווייטנס, כלל ישראל דארף האבן מורי הוראות, און מען קען נישט זיין א מו"ה וועט מען דרייט זיך אין די גוי'שע גאס, דריטענס, בדרך צחות, אז דער רבי זאגט זייער טיפע דברי תורה, און אויב וועט נישט זיין תלמידי חכמים מופלגים, ווער וועט פארשטיין דעם רבין'ס תורות.

דער רבי האט זייער הנאה געהאט און מהנה געווען דעם טשאבער רב כפי הצורך.

### וואך אין היסטאריע שב"ק אין זענטא ת"ש

פינעף און אכציג יאר צוריק פרשת כי תשא, האט רביה"ק דאס לעצטע מאל - פאר די קריג - באזוכט די שטאט זענטא, און געפראוועט א שבת, ווי דער ברך משה איז געווען דער אפיציעלער רב כאטש ער האט נאכנישט געוואינט דארט בקביעות.

רביה"ק האט געהאלטן א לענגערע דרשה פארן לייענען, א טיפזיניגער פלפול, **מגידות און דרוש, און מוסר והדרכה**, דערציילן אידן וואס געדענקען, אז עלטערע און שטארקע לומדים, אלטע תלמידים פון בעל ערוגת הבושם זצ"ל, און הגאון ר' יודא גרינוואלד זצ"ל, זענען געווארן זייער איבערגענומען פון די דרשה, און וואכן שפעטער איבער גשמועסט און גערעדט מיט התפעלות.

די תלמידים פון הרה"ג ר' יודא גרינוואלד זצ"ל (סאטמארער רב) פלעגן פארציילן, ווען רביה"ק האט זיך געצויגען קיין סאטמאר דאס ערשטע מאל, תיכף נאך די חתונה אלס א פרישער יונגערמאן, איז דער רבי געקומען הערן די שבת תשובה דרשה פון ר' יודא גרינוואלד זצ"ל, דער שטאט'ס רב, ווען ער האט דערזעהן דעם רבי'ן אריינקומען, האט ער מפסיק געווען מיט א ווארט לכבוד דעם רבי'ן, **האזינו השמים** אז הימעל מענטשען קומען הערן די דרשה **ותשמע הארץ** וועט דער המון עם זיכער אויסהערן.

**זכותם יגן עלינו**

ידיעות קהלותינו

מנהג | טעמו | ומקורו

**מנהג: טרונקען ווין אום שבת**

**מקורו:** מסכת ברכות (כה. א') די נשמה יתירה דערקענט זיך דורך טרונקען וויין, לש"ק פון רבינו חננאל: נשמה יתירה שנתנת לאדם בשבת, כדי לאכול ולשתות ולשמוח ולהתענג כגבור **בשתיית יין**.

פאר הערות רופט: 347.603.0383 • צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, שיקט אן אימעיל צו: toirasyoel@gmail.com